**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנערקענט אויסערגעווענליכע דינסט פון ניו יארק סטעיט'ס פארטיידיגונג קרעפטן**

***פרעזענטירט באלויבונג צו פיר אינדעווידואלן, צוויי גרופעס פון פארטיידיגונג קרעפטן מיטגלידער***

***ניו יארק נאציאנאלע גווארדיע האט געפירט די פאלק אין אויפנאמע און אנהאלטן פאריאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנערקענט די אויסערגעווענליכע דינסט פון ניו יארק סטעיט'ס פארטיידיגונג קרעפטן דורך פרעזענטירן באלויביגונג צו פיר אינדיווידואלן און צוויי גרופעס פון פארטיידיגונג קרעפטן מיטגלידער וועלכע זענען געגאנגען ווייטער און העכער אין אויספירן זייער מיסיע און רעפריזענטירן אונזער סטעיט און פאלק צו די וועלט. מעידשאר גענעראל מיכעל נאטאלי, אסיסטענט אדשודשאנט גענעראל פון די ניו יארק נאציאנאלע גווארדיע, האט זיך מיטבאטייליגט מיט גאווערנער האקול פאר מארגן'ס צערעמאניע.

"ניו יארק סטעיט'ס פארטיידיגונג קרעפטן זענען א ביישפיל פאר דינסט און אויסצייכענונג ארום די וועלט, **"גאווערנער האקול האט געזאגט.** "דורך אנערקענען די אינדיווידואלן און ארגענזאציעס פאר זייער מוסטערהאפטיגע אקטס פון סערוויס, אונז טוהן ארויסהייבן זייער איבערגעגעבנקייט צו באשיצן ניו יארקער און טוהן זיך אליין פארפליכטן צו די זעלבע."

ניו יארק נאציאנאלע גווארדיע האט געפירט די פאלק אין אויפנאמע און אנהאלטן פאריארפאריאר, די ניו יארק נאציאנאלע גווארדיע האט געפירט די פאלק אין אויפנאמע און אנהאלטן, און די פעדעראלע רעגירונג האט ראנקירט די ניו יארק נאציאנאלע גווארדיע נומער איינס פאר "שטארקייט געזונט." לעצטנס, ניו יארק נאציאנאלע גווארדיע פערסאנעל האבן געהאלפן רעאגירן צו עקסטרעמע וועטער געשעהנישן, צוגעשטעלט שוץ זוכער רעסארס שטיצע און איז געווארן סטאציאנירט אין די NYC סאבוועי סיסטעם צו שטיצן פובליק זיכערהייט פראוון. געמיינזאמע טעסק פארס-עמפייר שילד איז געשאפן געווארן נאכפאלגענדיג די סעפטעמבער 11, 2001 טעראריסטישע אטאקעס, און דינט אלץ זיכערהייט קראפט טיילוויז פאראנטלעך פאר די מיליטערשע פארטיידיגונג פון ניו יארק סיטי. יעדען טאג, געמיינזאמע טעסק פארס-עמפייר שילד טוט באשיצן די הויפט טראנספארטאציע האבס און נעטווארקס העלפענדיג געזעץ ענפארסירונג, אריינגערעכנט די סאבוועי סיסטעם. איבער 100 מיטגלידער פון ניו יארק'ס דיפענס קרעפטן וועלכע האבן רעאגירט צו די טעראריסטישע אטאקעס זענען נאך אין דינסט היינט.

די גאווערנער האט פרעזענטירט באלויבינגען צו: קארפארל פאטריקא רובילאר, NY נעוועל מיליציע; סארדשענט ברייען סאלקעדא, NY נאוואל מיליציע; און סארדשענט דעסאני דשאקיוס, ניו יארק מיליטער נאציאנאלע גווארדיע און SSG יואל סטריקלענד, ניו יארק מיליטער נאציאנאלע גווארדיע.

**<u>קריגער פון באלויבונג:</u>**

קארפארל פאטריקא רובילאר, NY נעוועל מיליציע: אויף יוני 12, 2024, ווען פאראַרדנט צו די בעלעראסע אין, קארפארל רובילאר איז געמאלדן געווארן דורך די עלטערן פון א שוץ זוכער אז זיין זעקס יעריגע האט זיך דערווארגען. קארפארל רובילאר האט גלאך רעאגירט צו די צימער וואו ער האט געטראפן א זעקס יעריגע זיך דערווארגן אויף אן אביעקט. אן צערגעניש, קארפארל רובילאר האט פריי געמאכט די פארשטעלטע לופטוועג דורך אויספירן די היימליך מאניוווער, ענדגילטיג ראטעווען די זעקס יעריגע'ס לעבן.

- **סארדשענט בריייען סאלקעדא, NY נאוואל מיליציע:** אויף יוני 28, 2024, ווען פאראַרדענט צו די סופערלעיק האטעל, סארדשענט סאלקעדא האט רעאגירט צו א מאמע און קינד ווען די קינד האט נישט געאטעמט אדער רעאגירט.סארדשענט סאלקעדא האט גלייך אויסגעפירט די היימליך מאניוווער אויף די קינד, וועלכע האט דאן ארויף געהיסט א דיים מטבע און האט אנגעהויבן וויינען.די קינד איז צוריקגעגעבן געווארן צו איר מאמע, און קיין ווייטערדיגע מעדיצינישע הילף איז נישט געדארפט געווארן.
- **SSG יואל סטריקלאנד, NYARNG & סארדשענט דעסאני דשאקיוס, NYARNG:** אויף מאי 20, 2024, SSG יואל סטריקלאנד און סארדשענט דעסאני דשאקיוס האבן געהאלפן ראטעווען די לעבן פון א מאן געשטאכן ביי די קווינס סובוועי סטאנציע. די מענער האבן גענוצט זייער מעדיצינישע פעיגקייטן און טראומא קיטס אפצושטעלן די בלוטיגונג און סטאביליזירן די באטראפענע. די נאציאנעלע גווארדיע מיטגלידער האבן געהאלטן אינמיטן באריכטן צו די טשעקפוינט ארט ביי די סוטפין בולעווארד און ארטשער סטריט סובוועי סטאנציע. זיי זענען געווען א טייל פון די געמיינזאמע טעסק פארס-עמפייר שילד, וועלכע באשטייט פון 780 סאלדאטן און לופטמענער וועלכע דינען אויף סטעיט אקטיווע דינס ווען אויספירן זייער יערליכע טרענירונג און דריל פעריאדן. זיי שטעלן צו זיכערהייט אין סיטי סאן און סובוועי סטאנציעס און ביי עירפארטס און בריקן.
- **קאלאנעל דשעפערי ראטה אין נאמען פון די געמיינזאמע טעסק-פארסעמפייער שילד:** קאלאנעל דשעפערי ראטה דינט אלץ די קאמאנדיר פון די געמיינזאמע טעסק פארס-עמפייער שילד: ער איז יעצט אויף אורלויב פון זיין ציווילע ארבעט, אלץ די דעפיוטי קאמיסיאנער פון די ניו יארק סיטי דיפארטמענט פון וועטעראנען סערוויסעס. ער איז פריער געווארן סטאנציאנירט אין די מיטל מזרח און האט באקומען א צאל באשאנקען פאר זיין דינסט.
- **קאלאנעל גלין וויער אין נאמען פון די 106טע רעטונגס פליגעל:** קאלאנעל גלין וויער איז געווען די 106טע מיסיע סטיצע גרופע קאמאנדיר זייט מאי 2021. וויער האט געדינט אין איראק און אפגאניסטאן און איז געווארן סטאנציאנירט איבער א דאזען מאל. ער האט אין צוגאב געשטיצט דאמעסטישע אפעראציעס דורכאויס הוריקעינס און אנדערע רעטונג מיסיעס אין צוגאב צו שטיצן NASA, מערסט לעצטנס ארויספאראבירן טאקטיקן, טעכניקן, פראצעדורס און רעטונגס געצייג גענוצט פאר אונזער צוריק קער צו מענטשליכע ספעיס פליען.

**<u>איבער ניו יארק סטעיט'ס פארטיידונג קרעפטן</u>**

- **געמיינזאמע טעסק פארס-עמפייר שילד:** די געמיינזאמע טעסק פארס-עמפייער שילד (Joint Task Force-Empire Shield, JTF-ES) איז פארמירט געווארן אין אנטווארט צו די טערארניסטישע אטאקעס אויף סעפטעמבער 11, 2001, צו באשיצען ניו יארק סיטי פון צוקונפטיגע אטאקעס. געמיינזאמע טעסק פארס-עמפייער שילד איז די סטעיט'ס מיליטערישע ארגענזאציע וועלכע פלאנירט און גרייט זיך פאר פארטיידיגונג שטיצע צו ציווילע אויטאיטעט

מיסיעס דורכאויס די ניו יארק סיטי געגענט. יעדען טאג, געמיינזאמע טעסק פארס-עמפייר שיעלד טוט באשיצן די הויפט טראנספארטאציע האבס און נעטווארקס העלפענדיג געזעץ ענפארסירונג, אריינגערעכנט די סאבוועי סיסטעם. די איינהייט ווערט קאמאנדירט דורך א קאלאנעל און האט ארבעטער פון די ארמיי און לופט נאציאנאלע גווארדיע פערסאנעל צוזאמען מיט מיטגלידער פון די ניו יארק נאוואל מיליציע און ניו יארק גווארדיע. די גאווערנער באשעפטיגט די טעסק פארס דורך די עדשוטאנט גענעראל. די איינהייט איז סטעיט רעסארסט און אויסגעהאלטן דורך די ניו יארק נאציאנאלע גווארדיע צו שטיצן סטעיט און סיטי עמערשענסי פירונג און געזעץ ענפארסירונג באאמטע ציט א שנעלער אנטווארט פארס פון נאציאנאלע גווארדיע מיטגלידער פאר היימלאנד זיכערהייט מיסיעס. ביי די ענדע פון 2023 זענען געווען 707 פערסאנעל פאראראדענט צו די מיסיע פון ארויסהעלפן לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע געזעץ ענפארסירונג איינהייטן ביי הויפט טראנספארטאציע האבס. איבער 100 מיטגלידער פון ניו יארק'ס דיפענס קרעפטן וועלכע האבן רעאגירט צו די טעראריסטישע אטאקעס 23 יאר צוריק זענען נאך אין דינסט היינט.

- **די 106טע רעטונגס פליגעל:** די פליגל ציעט איר היסטאריע צוריק צו וועלט מלחמה II ווען זיי האבן געפלויגן באמבארדירער אין די קעמף אקעגן פאשיזים אין אייראפע. זיי טוהן רעגעלמעסיג אריין פילען אין סכנה און טוהן אויספירן לופט רעטונגען דורכאויס עקסטרעמע וועטער געשעהנישן. פאר יאר, האבן זיי געשפילט א הויפט ראלע אין די זוכעריי פאר די פעלענדע טיטאן סובמערסיבל. אין צוגאב, אויף סעפטעמבער 11, 2001, די ערשטע לופט נאציאנאלע גווארדיע וועלכע איז געווען אויף די צענע אין דאונטאון NYC איז געווען די 106טע רעטונגס פליגעל.

**ניו יארק סטעיט אדשוטאנט גענעראל רעימאנד שיעלדס האט געזאגט,** "איך וויל דאנקן גאווערנער האקול פאר די אנערקענונג פון די מענער און פרויען פון די ניו יארק נאציאנאלע גווארדיע און ניו יארק נאוואל מיליציע, און די פראוון זיי מאכן יעדן טאג צו העלפן אונזער ניו יארקער און פארטיידיגען די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקא. אונז זענען שטאלץ צו דינען אונזער סטעיט און פאלק און די מענטשן פון די געמיינדעס אונז וואוינען אין איבער די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט אסיסטענט אדשוטאנט גענעראל מיכעל נאטאלי האט געזאגט,** "די בירגער סאלדאטן און לופטמענער פון די ניו יארק נאציאנאלע גווארדיע זענען זטאלץ פון אונזער 350-יאר היסטאריע פון פארטיידיגען אונזער סטעיט און פאלק ווען גערופן. מיטגלידער פון די נאציאנאלע גווארדיע, און די ניו יארק נאוואל מיליציע, זענען טייל פון געמיינדעס איבער אונזער סטעיט, און אונז זענען געערט צו קענען דינען אונזער פריינט און שכנים ווען געדארפט. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פארן נעמען די צייט צו אנערקענען דעם דינסט."

**סטעיט סענטאטאר קארדעל קליער האט געזאגט,** "איך בין פריילעך אז גאווערנער האקול טוט אנערקענען די נאציאנאלע גווארדיע. די צוויי אפיצירן זענען הויפט ביישפילן פון זייער דרייסט און זעלבסטלאזיגקייט. אונז האלטן די נאציאנאלע גווארדיע אין די העכסטע עהרער. אונז דאנקן זייער מיטגלידער פאר זייער דינסט און איבערגעגעבנקייט. די ארבעט זיי טוהן באמערקט און אומבאמערקט באשיצט אונז טעגליך אין דער סטעיט פון ניו יארק."

**אסעמבלימעמבער קימבערלי דשיען פיערע האט געזאגט,** "אלץ טשעיר פון די וועטעראנען אנלעגענהייט קאמיטע, איך בין טיף באדריקט צו שטיין צוזאמען מיט גאווערנער האקול אין באערען די מערקווירדגע קוראזש און איבערגעגעבענקייט פון ניו יארק סטעיט'ס פארטיידיגונג קרעפטן. די אינדיווידואלן און גרופעס אונז אנערקענען היינט האבן געוויזן אן אויסערגעוויינליכע פארפליכטונג צו באשיצן אונזער געמיינדעס. זייער זעלבסטלאזיגע שריט זענען א מאכטפולע דערמאנונג איבער וויפיל אונז פארלאזן זיך אויף זיי פארזיכערן די זיכערהייט און וואויל-זיין פון יעדער ניו יארקער. פון די לעבענס-רעטענדע העלדישקייטן פון קארפאראלס פאטריקא רובילאר און ברייען סאלקעדא, צו די שנעלע און ענטשיידענע שריט פון SSG יואל סטריקלאנד און סארדשענט דעסאני דשאקיוס און די שטארקע פירערשאפט פון קאלאנעל דשעפערי ראטה און קאלאנעל גלין וויער, די זענען נאר א פאר

שיינעדיגעביישפילן פון די טאגטעגליכע דרייסטקייט און איבערגעגעבענקייט צווישען אונזער ראנקן. די מענער און פרויען פון די געמיינזאמע טעסק פארס-עמפייר שיעלד און די 106טע רעטונגס פליגעל גיין העכער און ווייטער אין זייער דינסט, און זייער אפערונגען גיין נישט אומבאמערקט. אונז זענען זיי אלע שולדיג אונזער טיפסטע דאנקבארקייט פאר זייער אומבויגזאמע איבערגעגעבענקייט צו סיי אונזער סטעיט און אונזער פאלק."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן